STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02786

A BLETL IN VINT

Elhanan Vogler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. וואָגלער

אַ בלעטל אין ווינט

פּ אָ ע מ ע

אַ בלעטל אין ווינט

א. וואָגלער

ווילנע
1935

אַרויסגעגעבן דורך
אַ גרופּע פֿרײַנד
און דער דיכטער-
און קינסטלער-גרופּע
„יונג-ווילנע"

פּאָעמע

A.Wogler. A błetł in wint.
Poemat. Wilno, 1935.
הילע געצייכנט — ראָזע סוצקעווער
פּאָרטרעט — בענציע מיכטאָם
Printed in Poland.
druk. d. krejnes, wilno, rudnicka 2

א מתנה
פון זייערע קינדער

מיט ציטערנדיקע פינגער רייס איך אויס די לעצטע בלעטלעך פון מיין נאָטיץ־ביכל, געשריבן אין יאָר ניינצנפינף־אונדרייסיק, און כ׳גיב עס איבער אין רשות פון ווינט — אפשר וועט ער זיי צופעליק ערגעצוווּ פאַרטראָגן און צוריקברענגען טרייסט דעם פאַרצווייפלטן מחבר, ער זאָל האָבן דעם מוט אין זיינע פרייע (פון מאָלן שילדן) שעהן, אויפדאָסניי צו פאַרצייכענען זיינע פריערדיקע לידער, וואָס זיינען פאַרמעקט געוואָרן אין זיין אַלטן נאָטיץ־ביכל.

דערפאַר האָב איך אויפן שער־בלאַט אָנגעשריבן: „אַ בלעטל אין ווינט", כאָטש די פאָעמע האָט געדאַרפט הייסן: „מיין חתונה מיטן פלומען־סאַד". פאַר אַזאַ־מין נאָמען, קלער איך, וואָלט דער ברוטאַלער לעזער מיך אויפגעהאָנגען (און ער וועט עס אפשר טאַקע טאָן נאָכן איבערלייענען די פאָעמע...) אויפן האָלדז פון דער אַלכע, דער העלדין פון דער פאָעמע און אַלטער פריינדין פון מיין פאַר־יתומטער קינדהייט אָן ביזן היינטיקן טאָג (ריכטיקער גע־זאָגט: ביז דער מיטנאַכט, ווען ס׳ווערן פאַרצייכנט די דאָזיקע שורות).

די אַלכעס און די בעריאָזעס, די העלדן פון דער פאָעמע, ריידן דייטשמעריש און רוסיפיצירט. זיי, די ביימער פון מיינע ליטווישע פעלדער און שטעטעלעך, מאַכן נאָך די מענטשן פון די אָרעמע כאַטקעס, וואָס ריידן נאָך היינט אויך אַזוי.

איך ווייס, אַז עס וועלן זיך געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן מיט זייערע טעמפּע פּעדערס זיך אַריינשטעכן אין מיין האַרץ — איך בין אויך גרייט זיי אונטערצושטעלן מיינע קליינע פּלייצעס.

איין זאַך אָבער וועט מיר באַנגטאָן: נאָכסאָל איך האָב מיין וועלט אַרויסגעטראָגן אין דער ליכטיקייט — מיר איז דאָך גוט געווען צו שלאָפן מיט איר אינדערפינצטער...

און אפשר זיינען די אויבן־דערמאָנטע פאַר זאצן אויך איבעריק: מען וועט דעם־אָ מאָדנעם, צעשויבערטן ביכעלע סיוויסיי פאַרשווייגן.

מיינע איבערגעגעבענע פריינד, וועלכע האָבן מיך געשטויסן און געגעבן מיר די מעגלעכקייט צו פאַרעפנטלעכן די פּאָעמע, קומט דער גרעסטער טייל פון איר ערפאָלג, אויף וויפל ער וועט זיין; איר מפּלה געהערט צום מחבר אַליין.

און איצטער נאָך עפּעס:

אויב מיין הונגעריקער חבר — דער בלעכער, דער גלעזער, דער שוסטער - וועט אין דער פּאָעמע זיין איבער־בייסן, זיין ברויט ניט געפינען, זאָל ער מיר מוחל זיין: איך בין אין דעם ניט שולדיק.

ע ר ש ט ע   ט ײ ל

אַ חתונה

א.

דעם הונט ליבט די צװיג, דעם קאָטער — די קאַץ,
נאָר מײַנע פֿרײַנד זײַנען די אותיות;
מײַן לאַנד איז דאָס ליד: יעדער סטראָף — אַ פּאַלאַץ,
מײַן גרױסע מאַמע — די ליכט אױף מײַן טישל — זי װײס עס.

דאָס האַרץ מײַנס — אַ װוּנד, די ליבע איז יאָד...
כ׳האָב חתונה הײַנט מיטן פֿרילינג;
מיט מײַן כּלה — דעם װײַסן, דעם בליענדן סאָד,
װעל איך האָבן די נאָענטסטע באַציונג.

דעם ברױנעם באַראַן און דעם באָק װאָס איז בלינד
אױף מײַן חתונה האָב איך פֿאַרבעטן;
כ׳האָב פֿונאַנדערגעשיקט דורך מײַן חבר דעם װינט
פּאַסיעקעס פֿאַר זײ — מײַנע גרינע בילעטן.

איך האָב געוויינט — און דורך נאַכט איז איעדער
גאָרטן פאַרשריבן געוואָרן מיט גראָז;
איינגעטונקט אין מיין טרער, איז געלאָפן מיין פעדער —
אויף די לאָנקעס אַן אונטערגעצונדענער האָז:

— מחותנימלעך חשובע, — שרייב איך זיי — קאָמע,
איר אַלע, וואָס קאָנט ווי איך — שטומען;
איר וועט ניט מיין שמחה פאַרשטערן מסתמא
און אויף מיין חתונה קומען.

ביי מיר זיינען אַלע קרובים גלייכע:
סיי די אָרעמע שקאַפּע — מיין פעטער דער בלינדער,
סיי די יאַלאָווע קו — מיין מומע די רייכע,
סיי די קעלבער און לאָשעקלעך — זייערע קינדער.

מחותנים געאַכפּערטע, קראַצט אויס די בערד!
מחותנתטעס, פּוצט זיך אין אייערע שפּיגלען — די קרענעצעס!
לעמאַנעשעם, פעטערל, אָרעמער פערד,
נעם מיט די לאָשעקלעך, מיינע פּלימעניצעס!

חתונה האָבן גייט וואָגלער אלחנן בן מאיר,
דער שוויַיגער, וואָס איז נע־ונד,
מיט דער יתומה — הבתולה: דעם סאָד אינעם וויַיסינקן שלייער,
חודש אייר שנת תרצ״ד.

כ׳וועל לאָזן די גבירים די גראָבע אָפּבראָטן
פאַר איַיך צו דער סעודהלע, טיַיערע ברידער.
מיַין פריַינדין — די גראָע קוקאַווקע — וועט זינגען פאַר איַיך פון די נאָטן,
וואָס זי האָט געשריבן צו מיַינע פאַרצווייפלטע לידער.

אויף דער סעודה ביַי מיר, מחותּנים געשעצטע,
וועט איר ליקיאָרן און קאָניאַק הייַנט לאָקטשען
און פון די גבירים — די וויַיכסטע און פעטסטע —
וועט איר די ביינדעלעך סמאָקטשען.

מיַין קרוב — דער געלער קאַנאַריקל — וועט אין מיַין ווערק, אינעם סידור,
איבער די גבירישע בלומן — די וויַינען — מאַכן דעם קידוש,
און איבער די שטרודלען — די זיסע, די פריוואַישע גלידער —
זינגען וועט ער די ברכות אין יידיש.

ב.

אונדזער חופּה וועט זײַן אין די פעלדער,
די זאַלן פון לײמיקן פּאַלאַץ — פון ליטע;
שענקען מתּנות איך וועל דיר,
אָ כלהניו, פלױמען־סאָד, האָרך אויס מײַן ביטע:

ניט ציטערן זאָלסטו, ווען אין דײַנע האָר בײַדערנאַכט
דער בדחן דער שוואַרצער — די סאָווע — וועט קלאָגן;
כ׳וועל אָנטאָן בײַ דיר אויף די פינגער געשליפענע רינגען — פאַרנאַכטן
און אויף דײַן האַלדז מעדאַליאָנען — פאַרטאָגן.

כ׳האָב בלאָע טומאַנען באַשטעלט פאַר דיר — זײַדענע קלײדער
און סאַזשלקעס — שוואַרצע לאַקירע:ע שיך דיר געגעבן,
אָט־דאָ אינעם טאָל — אין באַזונדערן הדר —
וועלן מיר בײדע די יאָרן אויסלעבן.

מירן שלאָפן אין דאָרף — אונדזער הילצערנע בעט,
צוקאָפּנס — די שטרויענע דעכלעך פון די כאַלופּעס;
כ׳וועל צעברעכן דעם פאַרקאַן — דײַן ענגן גאָרסעט —
און דיך קושן מיט זון — מײַנע ברענענדע ליפּעס.

אָ, כּלה, יתומה, מײַן הײליקע בתולה
כ׳װעל מיט װאַרעמע רעננס באַפּרוכפּערן דיך — מיט מײַן זוימען;
און דו װעסט מיר קינדער געבאָרן אַ פולע:
טעכטערלעך — בלאָע און פיאָלעטאָװע פלוימען.

אײך זינדעלעך — רױטינקע עפּעלעך סערע
װעט מיר געבאָרן מײַן פלױמען־סאָד;
ניט לאַך פון מיר, אײדעלע לעזערין מערי:
דאָס האַרץ מײַנס — אַ װונד און די ליבע איז יאָד.

צווייטע טייל

אַ ראָמאַן

א.

דאָס האַרץ מיינס אַ ווונד און די ליבע איז יאָד —
געשריבן האָב איך אין די פאַבריקע סטראָפן;
און מיט מיין ווייב דעם פלוימען-סאָד
בין איך אין דאָרף — אונדזער בעט — געשלאָפן.

עס ווייס דער דאַך — אונדזער שטרויענער שעניק —
אַז ניט דער אַסוויר, מיין שטעקן דער לאַנגער,
האָט געמאַכט זי אומטערטעניק;
זי האָט אַליין געוואָלט זיין שוואַנגער...

עס ווייס דער שדכן — דער סאָלאָוויי
און דער באָק - דער אַלטער רב דער פרומער,
אַז פון מיין ליבע צו דעם סאָד מיין פרוי —
איז אויף די פעלדער געוואָרן זומער.

ב.

מיט איר חברטע דעם ווייצן־פעלד
שושקעט זיך די קימפּעטאָרן :
—כ׳האָב יע געוועלט און ניט געוועלט . . .
נאָר איצטער מוז איך שוין געבאָרן.

— און איך האָב אויכעט ניט געוועלט,
האָט ער צעפּליקט מײַן קלייד די העלע —
ענטפערט איר דאָס ווייצן־פעלד,
איר קליינע חברטע די געלע.

— אַלע מאָנסבילן זײַנען אַזעלכע :
אי חוצפּהדיק, אי פרעך —
האָט די הויכע שכנטע, די שוואַרצע אָלכע,
אַרײַנגעמישט זיך אין געשפּרעך.

און איך בין געשטאַנען בײַם זײַט און געלאַכט :
ווי גוט מיר איז, ווי וווּל . . .
און מײַן לולקע — דער הייסער פאַרנאַכט —
האָט געטליעט בײַ מיר אין מויל.

ג.

װאָס טוט דײַן מאַן ? — האָט די נײַגעריקע
אָלכע דערלאַנגט אַ פֿרעג
בײַ דער יונגער װײַבעלע — די גריקע,
װאָס שמײכלט צום אַלטן בחור — דעם װעג.

— ער שפּילט, ער איז אַן אַרטיסט, —
האָט דער רױזן־גאָרטן געזאָגט מיט שנאה,
(אָן אַ זײַט געשטאַנען און זיך ניט געמישט
האָט דאָס הױקערל — די װערבע די גרינע).

אָן אַ שײַטל — מיט אַן אָפּגעבראָכענעם קרױן —
װײנט די בלאָנדע עגונה די בעריאָזע:
— מײַן מאַן האָט מיך געלאָזט אַלײן...
פֿאַרװאָס קומט עס מיר, פֿאַרװאָזשע ?

— און מײַנער בלאָנדזשעט אױף דער װעלט
און שפּילט פֿידל אין אַ קאַפּעליע —
האָט געזאָגט דאָס װײצן־פֿעלד,
מײַן װײַבס קומאָשקע די געלע.

— און דײַנער װאָס טוט ? — אַ פֿרעג געטאָן האָט
די אַלכע מיט אַ קול אַ מילדן ;
ענטפֿערט איר אָפּעט דער פֿלוימען־סאָד :
— ער איז אַ מאַלער, ער מאָלט שילדן.

— מײַן מאַן האָט דעם הימל פֿאַרמאָלט אויף בלוי,
אַ שילד אויף גאָטס פֿאַרמאַכטער טיר...
דעם בלויען קאָליר האָט געוואָלט אַזוי
ער, גאָט, דער רײַכער באַנקיר.

— אויפֿן שילד איז מיט װאָלקנס, בוקוועס װײַסע,
אויף לשון־קודש און דײַטש געשריבן אַזוי :
הירט איזט די גרעסטע באַנק־האױסע
פֿאָן רבונו־של־עולם, אַדענאָי.

— ס׳האָט גאָט דער באַנקיר — דער ציוניסט —
אין שראַנק פֿאַרשלאָסן די שטערן — זײַן גאָלד ;
אַלכע, האַרץ מײַנס, נאָר פֿאַראומזיסט
האָט מײַן מאַן די װיװעסקע פֿאַר אים געמאָלט...

— ער האָט אַ פּאַלאַץ פון מירמלשטיין
און זיינע ווייסע זאַלן
זיינען די מילך־וועגן, אַלכע מיין קרוין,
און מיר שלאָפן אויף שטרויענע שטאַלן.

— און אונז שמידן די פרעסט אין קייטן —
די לאַקייען פון באַנקיר דעם רייכן —
האָבן זיך צעיאָמערט אין די כוואַליעס—פליטן
די בלויע קלעזמאָרימלעך — די טייכן.

— אין שנייען פאַרשפּאַרט ער אונז—אין די אָסטראָגן —
האָבן די בערגלעך ליימיקע און טאָלן —
די בלינדע מוזיקער—גענומען קלאָגן
אין קוואַלן — בלויע פייפיאָלן.

— כ'ליג אויך אין ווינטער—אין אָסטראָג—פאַרלאָזן—
האָט זיך צעוויינט די לאָנקעלע די גרינע,
די טויבלעכע, די קליינע ווירטואָזין,
אויף דער סאַזשעלקע—איר מאַנדאָלינע.

(אירע פאַרשמאַכטע עופּהלעד — די גראָזן
זײַנען זיך פאַרגאַנגען : „מיר ווילן רעגן״)
און בײַם סאָסנאָוון וואַלד דעם ראָזן
האָט דער סאָד גענומען פרעגן :

— פאַר וועמעס זינד, נר גיי פאַרשטייר עס,
(אפשר ווייסן עס די קלוגע טעלעצעס ?)
בײַסט מיך גאָט מיט די זאַווייעס
און שטעכט מיט וואָנצעס מיך—מיט די מעצעלעצעס ?

— דער באַנקיר דער דאָן־זשואַן
מײַנע גלידער מיטן יעשען קושט ער,
און מײַן אייפעריקער מאַן
גייט אַרומעט, נעבעך, אַ צעמישטער.

— זאָל דײַן מאַן, וואָס האָט זײַן שילד געמאָלט,
אים צוריק אויף שוואַרץ פאַרשמירן,
און זאָל ער צעטיילן פאַר אָרעמע דאָס גאָלד
— די שטערן—פון די רײַכע באַנקירן !—

האָט דער דעמב וואָס איז געשטאַנען בײַם זײַט,
אַ בייזער—דעם סאָד גענומען סטראַמירן.
שטאַמלט זי :—צעטיילן... פאַר אָרעמעלײַט...
און ניטאָ מער קיין רײַכע באַנקירן...

— נאָר מײַן מאַן—האָט דער סאָד צום דעמב גערעדט—
האָט פאַרזעצט בײַ גאָט די שקיעה—מײַן מקדש=רונג
און ער ריסעוועט איצטער מײַן פּאָרטרעט
צו זײַן בילדער=אויסשטעלונג.

— און ווײַטער, חבר דעמב, ניט מיינט,
אַז מײַנער קען בלוט פאַרגיסן אפילו פון רײַכע —
האָט דער סאָד זיך מיט ראָסע פאַנאַנדערגעוויינט
און ס׳האָט זיפצן גענומען די אָלכע די הויכע...

— און אויסערדעם האַלט איך דאָך אין טראָגן
און מײַן מאַן שטייט איבער מיר און וואַכט...
— אַ קליינבירגער איז ער, געננוג דיר צו קלאָגן ! —
האָט דער דעמב אין ווינט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

נאָר לאַכן האָב איך ניט געקאָנט מער איצט,
און מיט מײַן לאַנגן שטעקן—דעם אַסוויר —
האָב איך אויפֿן הימל אויסגעקריצט
דעם דריטן פּנים פֿון באַנקיר.

נאָר דער בייזער באַנקיר האָט פֿון דעמב געלאַכט:
אים צוגעוואָרפֿן אַ נדבה—אַ שטערן, אַ גראָשן;
און מײַן לבֿנה — דער הייסער פֿאַרנאַכט —
האָט זיך אין מויל בײַ מיר אויסגעלאָשן.

ד.

דעם פאַרנאַכט — מײַן לולקע—איך פאַרדרײכער
און כ'דערהער װי דער סאָד צו דער אָלכע רעדט:
— די װײסט, מען זאָגט, מײַן מאַן דער בלײכער
איז אױך אַ יִדישער פּאָעט.

— בײַטאָג מאָלט ער שילדן, נאָר בײַנאַכט אױף די װענט
שרײַבט ער לידער און רעדט צו זיך אַלײן;
דער פּאַפּיראָס אין מױל—זײַן װײטיק — ברענט
ביז ער לעשט זיך אױס פון זײַן געװײן.

די אָלכע ענטפערט—אַ פֿײגעלע פּליט:
—װעמען דערצײלסטו עס, װעמען?
ער האָט דאָך מיר אױכעט געװידמעט אַ ליד,
נאָר װעגן דיר שרײַבט ער גאַנצע פּאָעמען.

— און װעגן מיר—טוט די גריקע אַ פרעג —
האָט אױך איר מאַן שױן אַ ליד פאַרפאַסט?—
און זי גלעט דעם אַלטן בחור—דעם װעג,
װאָס קרעכצט אונטער אַ פֿור מיט לאַסט.

— ווענן דיר – זאָגט די אַלכע די נײַגעריקע—
וועט ער נאָך אָנשרײַבן אַ גאַנצן ראָמאַן:
ווי אַזוי די יונגע דאַמאָטשקע – די גריקע,
האָט צוליב אַ בחור פאַרראַטן איר מאַן.

און די בלאָנדע ווײַבעלע—די גריקע
האָט זיך מיטן געלן בחור—דעם וועג—צעקושט
און אַ שמייכלענדיקע
זיך געטוליעט צו זײַן האַרטער ברוסט.

דאָס האָט, אַ פּנים, מסתּמא פאַרדראָסן
דער ווערבע — איר קאַליקער מאַמען דער זקנה,
און איר סיוון טאַטן—דעם באַרג – וואָס ליגט אַ געליימטער אָן לשון
און די בולבע—איר אָרעמע שוועסטער די קליינע.

ווען די אַלכע האָט דעם וועוורִיק—איר קינד—אָנגעזויגן
און אײַנגעדרימלט אויף אַ סטאָדאָלע—אַ צעריסענע קישעלע אונטערן זײַט,
האָט די ווערבע צום סאָד זיך אָנגעבויגן
און געשעפּטשעט הייסע, פאַרביטערטע רייד:

— אַזאָכנאַזווייצומיר, טײַערע שכנה!
מײַן טאָכטער - די גריקע, די ווײַבעלע, איז אויסגעלאָסן;
נאָר זאָל דײַן מאַן ניט פֿאַרשעמען די בולבע — מײַן בידנע מוזינקע
די קליינע
און ווען איר זינדיקער שוועסטער קיין בוך ניט פֿאַרפאַסן.

– ווײַל זי, מײַן מוזינקע, די שוואַכינקע בולבע די קליינע,
איז אין דער סטעזשקע פֿאַרליבט—אין איר חתן דעם מאָגערן,
און ניט וויסן דאַרף ער, אַז אַ זונה
איז די גריקע — זײַן קינפּטיקע שוועגערין.

— בעט דײַן מאַן, דעם פּאָעט דעם בליכן,
ווען מײַן מוזינקע אָנשרײַבן אַ ליד אין גראַמען:
אַז זי ליבט די סטעזשקע - איר קאַוואַלער דעם הויכן –
און וועט אייביק זײַן מיט אים צוזאַמען.

— און די סטעזשקע וועט אויך זיך אין איר פֿאַרליבן,
ווײַל אויף מײַן אײַנגעבוירענעם קאַריק
וועט זינגען דאָס ליד מיט אַ ניגון אַ טריבן
מײַן קליינער אייניקל — דער קאַנאַריק.

אויסגעהערט איר טענה, האָט דער סאָד אַ מידער
געענטפערט דער ווערבע :—כ׳וועל בעטן מײַן מאַן,
דײַן מוזינקע—דעם בולבע-פעלד—אויך ווידמען לידער
און וועגן דער צעלאָזענער גריקע ניט שרײַבן קיין ראָמאַן.

און דער באַרג, וואָס ליגט אַ געליימטער אָן לשון,
האָט צו דער ווערבע שמייכלען גענומען און ווינקען,
און די סטעזשקע—דער אָרעמער, דאַרינקער חתן —
האָט זיך צו דער בולבע געטוליעט—צו זייער מוזינקע.

און איך בין געשטאַנען אָן אַ זײַט און געלאַכט :
ווי גוט מיר איז, ווי וווילֿ...
און מײַן לולקע — דער הייסער פאַרנאַכט —
האָט געטליעט בײַ מיר אין מויל.

ה.

װען די אָלכע האָט איר עופּהלע אָנגעזױגן -
דעם װעװודיקל געלײגט שלאָפֿן,
האָט זי צו דער יאָדלע זיך אָנגעבױגן
און אָנגעהױבן זי צו שטראָפֿן:

— זע, דו האָסט שױן גראָע האָר?
כ'האָב גאָר ביז איצט דאָס ניט געזען...
זאָג, װוּ איז דײַן אוכאַזשאָר,
װאָס איז אין דיר פֿאַרליבט געװען?

– מ'זאָגט, ער האָט געהײראַט מיטן װײצן-פֿעלד,
אָ, חברטע, דײַן קאָנקורענטין איז אַ פֿאָדלע!
און פֿאַרװאָס האָסטו אים ניט געװעלט?
זאָג מיר, ליבע יאָדלע!

— די פֿאַלשע שכנה װיל זיך רײצן, אַ פּנים,
כאָטש ניט אַלצדינג רעדט זי ליגן —
טראַכט די יאָדלע, און די קנײטשן אױף איר פּנים
מיט דער נאַכט פֿאַרשטעלט זי און — געשװיגן.

— אזוי וויל איז צו דעם ווייצן-פעלד—
רעדט די אַלכע ווידער מיט אַ ניגון:
— און דו האָסט אים טאַקע ניט געוועלט?..—
נאָר זי, די יאָדלע, האָט געשוויגן.

— הייראַטן ווילסטו? זאָג מיר, כ'בעט דיך—
גיט זי די אַלכע ווידער אַ פרעג;
— האָב איך פאַר דיר אַ גאָלדענעם שידוך:
דעם געלן בחור, דעם יתום—דעם ווייץ.

— ווען דו הייראַטסט מיט אים, וואָלט געגומען אַ סוף
צו זיין ליבע מיט דער גריקע, דער אשת-איש...
... פון אירע רייד האָט דער וועווריק זיך געוועקט פון שלאָף
און גענומען זי זויגן — קנאַקן ניס.

די אַלכע האָט געשעפּטשעט שטילערהייט,
געוואָלט דעם וועוורוקל צוריק פאַרוויגן;
נאָר זי, די יאָדלע, די פאַרזעסענע מויד,
געווײנט האָט און געשוויגן.

I.

אין אַ צעפּליקטער העמד אַ ברודנע,
אָן אַ קלייד און אָן אַ בלוזע,
צאָן אַרויסגעוואָרפענע, אַ בלודנע —
רייסט די האָר זיך די בעריאָזע.

ווער האָט איר דאַרע לייב אַנטבלויזט?
ווער האָט זי, די אָרעמע, פאַרשאָלטן?
דער שטורעמווינט האָט אויסגעלויזט
די פליי — די פינגלעך פון איר קאָלטן.

די פאַרנאַכטן — אירע רויטע אויגן
צו דער ערד האָט זי אַראָפּגעלאָזן;
איר שיינער מאַן — דער רעגנבויגן —
האָט אויף שטענדיק זי פאַרלאָזן.

אָן אַ שייטל — מיט אַן אָפּגעבראָכענעם קרוין,
וויינט זי, די עגונה — די בעריאָזע:
— מיין מאַן האָט מיך געלאָזט אַליין...
פאַרוואָס קומט עס מיר, פאַרוואָזשע?! —

— ער האָט געוויס פאַרליבט זיך דאָרטן
און געהייראַט מיט דער זון;
זאָל כאָטש מיין טעכטערל, דער רויזן־גאָרטן,
ניט דערוויסן זיך דערפון.

נאָר דער רויזן-גאָרטן — די יונגע פרײַלין,
האָט איר מאַמאַשעס רייד געהערט;
אָבער מיט װעמען זי װעט הײַנט זיך װײַלן,
האָט זי גאָר בײַ זיך געקלערט.

מיטן שמעטערלינגל דעם קראַסאַװיעץ
האָט זי הײַנט אַ ראַנדעװו;
נאָר דער זשוק, דער העסלעכער מערזאַװיעץ,
לאָזט זי אײַבעט ניט צו רו.

זי האָט אַזױפֿיל קאַװאַלערן —
זומערפֿײגעלעך און בינען,
און מיט אַריסטאָקראַטישע מאַניערן
זי פּיעשטשעטע זיך צו די מושטשינען.

און די אונטן — די גרינע דאַנסינגען,
זי טאַנצט מיט זײ אַ טשאַרלעסטאָן;
און די קלױסטערס—די אָרקעסטערס—קלינגען:
— גלין, גלאָן, גלין, גלאָן — — — —

אויך אין פאַרטאָג — אין קאַבאַרעט דעם בלויען,
לאַדן זי די קאַוואַלערן אײַן;
זיי טרינקען דאָרטן זיסע טויען —
שאַמפּאַניער, ליקיאָרן און ווײַן.

די פליגן — קעלנערס — זי באַדינען,
זי פּיעשטשעט זיך און שמייכלט זיס;
און די בינען, די מושטשינען,
קושן אירע הענט און פיס.

אויף נעפּלען — פּלוישענע קאַוויאָרן,
זי פאַלט אַ שיכּורע צעמישט;
און די שמעטערלינגען - אוכאַזשאָרן
קושן איר די ווייטע בריסט.

פאַר איפּערזוכט זײַנען אַרויס די בינען
מיט אַ שמעטערלינג אויף אַ דועל;
אין קאַבאַרעט אין בלויען—אין באַגינען
אַ טויטער ליגט ער אויפן שוועל...

און דער פרײַלינס ליפּן האָבן זיי צעביסן,
אומגעוואָרפן זי אויף דר׳ ערד
און איר קלייד די זײַדענע צעריסן,
נאָר זי האָט זיך ניט געוועהרט...

— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

און זי ליגט אָט איצט אַ מידע,
ס׳קלאָגט איר מאַמע — די בעריאָזע:
— בת־יחידה, בת־יחידה,
פאַרוואָס קומט עס אונדז, פאַרוואָזשע?

דער רויזן־גאָרטן, די יונגע פרײַלין,
הערט איר מאַמעס קרעכצן צו;
נאָר זי וויל ווידער זיך פאַרווײַלן...
מיט וועמען האָט זי הײַנט אַ ראַנדעוווּ?

ס׳האָט דער רעגנבויגן—איר פאַפּאַשע,
מיט דער זון געהייראַט — דער פּרינצעסין;
און אָן דער בעריאָזע — איר מאַמאַשע —
האָט ער גאָר פאַרגעסן.

דער פאַפּאַ האָט איר מאַמאַ פאַרלאָזן,
קלאָגט זי טאַקע אויף איר נויט;
און דער שמעטערלינג — איר יונגער חתן —
איז אין דועל געפאַלן טויט.

ז.

זי, די יאָדלע, די אַלטע מויד,
דערציילט ניט וועמען זי האָט האָלט;
נאָר דעם פלוימען-סאָד האָט זי פאַרטרויט:
זי האָט דעם ווינט פאַר קיין מאַן ניט געוואָלט.

ווייל ער איז אַ שלעפער, אַ שילריע!
און שפילט פידל אין אַ קאַפעליע...
...האָט ער געהייראַט מיט דער תבואה —
איר גראָבע חברטע די געלע.

נאָר זי געדענקט אים, ווייל זיין מתנה
איז פאַרפלאָכטן אין איר גרויען צאָפּ:
דער שלייף דער רויטער — די לבנה —
וואָס ער האָט צוגעבונדן צו איר קאָפּ.

און דעם פלוימען-סאָד זי בעט:
זי ווערט זי דאָך פאַרשטיין אַוודאי —
זאָל איר מאַן, דער יידישער פּאָעט,
וועגן איר פאַרפאַסן אַ באַלאַדע.

נאָר מיין ווייב מיט בלוט גייט אָפּ:
וואָס איז געשען, זי גייט צו קינד?!
און די יאָדלע מיטן גרויען צאָפּ
שילט איר אוכאַזשאָר — דעם ווינט.

ח.

איצטער בעט איך מײַן פֿלימעניק דעם לאָשעק
און זײַן חברטע — די לאַבאַטע, ווײַסע ציג:
— ברענגט מיר וויטשעס און פֿלעכט אַ קאָשעק
פֿאַר מײַנע קינדערלעך אַ וויג.

פֿאַר מײַנע קינדערלעך די פֿלוימען, וועלכע
דער סאָד האָט מיר בײַנאַכט געבאָרן
און איך הויכע שכנטע די אָלכע
איז געוועזן איך אַקושאָרן.

און אירע ווײַד — די פֿייגעלעך פֿון נעסט —
זײַנען געפֿלויגן צו די אויערן פֿון דער בעריאָזע:
— אין זייער פּאַפּען, פֿרײַנדעלע, — דו זעסט? —
זײַנען די קינדערלעך פּאַכאָזשע...

נאָר די בעריאָזע שטייט אַ שטומע, אַ פֿאַרקלערטע,
זי לאָזט דעם ווינט איר קאָלטן קעמען
און אויסווישן די רויטע אויגן די פֿאַרטערטע —
די פֿאַרנאַכטן אונטער אירע ברעמען.

פליען די פייגעלעך אין סאָד אַרייַן :
— זע, בעט דייַן מאַן דעם ליבן,
עס וואָלט קיין פראַמאַך גאָרניט זייַן,
ווען ער וואָלט אַ וויג-ליד פאַר זיי אָנגעשריבן.

אוי, אָלבע, הילף מייַנע, ניט לאַך אצינד —
קרעכצט די קימפעטאָרן : — כ׳בין ניט געזונט...
און מיט באַנדאַזשן - וואָלקנס—איך פאַרבינד
אויף איר לייַב דעם רויטן וווּנד.

איך שטיי צוקאָפּנס בייַ מייַן ווייַב
און מיט איר בלוט וואָס רינט
אַ וויג-ליד אויפן פעלד איך שרייב
פאַרן פלוים — מייַן קליינעם קינד.

ט.

אַליע, ליו-ליו, פֿלײַמעלעך,
פֿאַלט ניט אויף דער ערד אַראָפּ;
איך זאָלט ניט קיין יתומהלעך
בלײַבן נאָך דער מאַמעס קאָפּ.

אַליע, ליו-ליו, בלאָנקע,
פֿאַלט ניט אויף דער ערד אַראָפּ;
הערעלעך שוין גראָנקע
וואַקסן אויף אייער טאַטנס קאָפּ...

עס פֿײַפֿט דער ווינט אויפֿן פֿײַפֿיאָל,
און דער רעגן שפּילט אויפֿן פֿידעלע;
און אײַער טאַטע קלאָגט אויפֿן קול
און שרײַבט פֿאַר אײַך דאָס לידעלע.

דער פֿײַפֿיאָל מאַכט: פֿיו, פֿיו, פֿיו,
און דאָס פֿידעלע: בים-באַם;
און איך קלאָג: מומע — ליבע קו
— ס'פֿעלט מיר אויס צום ליד אַ גראַם!

אַליע, ליו... די אָלבע די קלוגע –
אײַער מאַמעס אַקושאָרן,
זאָגט צו דער װערבע — אַז משוגע
איז אײַער טאַטעלע געװאָרן.

אַליע, ליו־ליו, ליו, ליו, ליו,
די װערבע שאָקלט מיטן קאָפּ ;
מסבּים איז זי אױך דערצו,
אַז ער איז פֿון זינען אַראָפּ.

אַליע, ליו... און װער קען װיסן,
װאָס פּאַסירן קען אַמאָל ;
אײַער טאַטעלען װעט מען פֿאַרשליסן
אין אַ משוגעים־שפּיטאָל.

אַליע, ליו, ליו, בלאָנקע,
פּאַלט ניט אױף דער ערד אַראָפּ
אײַער טאַטנס האָר די גראָנקע
אױסרײַסן װעט מען פֿון קאָפּ.

אַליע, ליו, ליו: בינדן און שמײַסן
װעט מען דאָרט אײַער טאַטעלען;
ער װעט זײַנע הענט זיך בײַסן
און גריזשען די אײַזערנע גראַטעלע...

*

צום עפּעלע דעם װײַניקן
און צו זײַן ברודערל — דעם רויטינקן,
װיינט דער פֿלוים: מ׳װעט דאָרט פֿאַרפֿײַניקן,
אונזער טאַטן — געפֿינען א טויטינקן.

— אָבער אויפֿשטיין תּחית־המתים װעט
אונזער טאַטעלע דער טויטינקער —
אַזוי האָט צום פֿלוים גערעדט
דער עפּעלע דער רויטינקער.

— און איך װעל בעטן, בעטן גאָט,
כ׳זאָל ניט בלײַבן קיין יתומהלע;
— ער זאָל קומען צוריק צום סאָד —
געשעפּטשעט האָט דאָס פֿלוימעלע.

— ער װעט קומען צוריק צום סאָד,
ער לאַכט פֿון זײַנע פּײַניקער —
אַזוי דעם פֿלוים געענטפֿערט האָט
דער עפּעלע דער װײַניקער.

אין מײַנע אומעטיקע סטראָפֿן
האָט זיך דער טויט אַװעקגעשטעלט ;
אָן אומגליק האָט געטראָפֿן
מיטן װײצן־פֿעלד.

מײַן װײַבס חברטע די געלע
איז געשטאָרבן גרינגנדיק צו קינד ;
קלאָגט נאָך איר אין זײַן קאַפּעליע
איר מאַן — דער װינט.

אין מײַנע אומעטיקע סטראָפֿן
מצבֿות צװײ האָב איך געשטעלט ;
װײַל נאָך אַן אומגליק האָט געטראָפֿן
מיטן גריקע־פֿעלד.

די יונגע ווײַבעלע — די גריקע,
וואָס האָט זיך מיטן געלן בהור דעם וועג געקווּשט,
האָט הײַנט אַן אומעטיקע
זיך געטוליעט צו זײַן שטײַפער ברוסט.

זיי זײַנען בײַנאַנד געלעגן,
דער וועג האָט זי אַרומגענומען;
נאָר איר שוואַרצער מאַן — דער רעגן
איז פּלוצלונג אָנגעקומען!

ער האָט דערהאַרגעט זי — די זונה,
נאָכסאָל זי האָט אים מיטן וועג פאַרראַטן;
זי ליגט אָט־איצט אַ טויטע און אַ ברוינע
בײַ די פיס פון באַרג — איר אַלטן טאַטן.

כ.

נאָך זײַן גע‍לער ווײַב — די תבואה
האָט דער ווינט זיבן טעג געקלאָגט;
און אויפן אכטן טאָג האָט דער שילריע
צו דער יאָדלע אזוי געזאָגט:

— מאַדמואַזעל, מײַן ווײַב איז טויט,
און איך אַן אַלמן בין געבליבן;
איר זײַט דאָך שוין אַן אַלטע מויד,
פֿילײַכט וועט איר מיך איצטער ליבן!

— כ׳האָב צוליב אײַך געבלאָנדזשעט אין דער וועלט,
געשפּילט פֿידל אין אַ קאַפּעליע;
און צוליב אײַך – געהייראַט מיטן ווייצן-פֿעלד,
נאָר זי איז שוין אויכעט טויט, מײַן ווײַב די געלע.

— איך האָב נאָר פֿון אײַך געטראַכט,
פֿרײַלין, כ׳האָב צוליב אײַך געליטן...
נאָר די יאָדלע האָט ביטער געלאַכט,
און אים אָפּגעהאַקט אינמיטן:

— גייט, מײַן הער, געזונטערהייט,
אײדער אַן אַלמן, אַ שילוריע,
שוין בעסער בלײַבן אַן אַלטע מויד
— מיט די לאַנגע צעפּ די גרוויע...

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

און דער ווינט האָט זײַן מתּנה,
וואָס ער האָט אַמאָל פֿאַרפֿלאָכטן אין איר גרויען צאָפּ,
דעם שלייף דעם רויטן — די לבֿנה,
פֿאַר כּעס אַראָפּגעריסן פֿון איר קאָפּ.

און די טײַכן — די קלעזמאָרים בלאָע —
האָבן אַ טרויער־ליד גענומען שפּילן;
דעם ווינט, דעם חבֿר, דעם שילוריע, —
אויסגעדריקט האָבן זיי מיטגעפֿילן.

און דערנאָך מיט דער לבנה, — מיטן רויטן
שליייף זײַן אומגליקלעכער כּלהס,
פֿאַרבונדן האָבן זיי די פּלייטן —
די שוואַרצע כוואַליעס — — —

נעמט דער ווינט אויפֿן פֿידל קלאָגן
פֿאַר זײַנע חבֿרים — די טײַכן — אַ געזעגנונגס־ליד;
זיי וועלן באַלד אין די אָסטראָגן —
אין ווינטער ליגן אײַנגעשמידט...

ל.

און דער אַלטער בחור דער וועג איז געלעגן
אָן דער גריקע נעבעך — אַליין געבליבן ;
עס האָט זי פֿאַרקאַטעוועט איר שוואַרצער מאַן—דער רעגן—
וועגן דעם האָב איך דאָך שוין געשריבן.

די ווערבע — איר קאַליקע מאַמע האָט אונטערגעהונקען,
די בולבע—איר אָרעמע שוועסטער—אַרונטערגעלאָזן איר קאָפּ;
און דער בחור, דער אַלטער—דער וועג האָט אונטערגעהונקען
צו דער פֿאַרזעסענער יאָדלע מיטן גרויען צאָפּ.

און די אָלכע איז געשטאַנען איבערן סאָד און געוואַכט,
די האָר זיך געריסן, פֿאַרבראָכן די הענט ;
און מײַן ליאָלקע — דער הייסער פֿאַרנאַכט
בײַ מיר און מויל האָט אויסגעברענט.

דריטע טײל

נע־ונד

א.

הענק פלוימען־סאָד — מײַן ברונעטע גוססדיקע װײַב,
און װען איך מאַן, דעם בלאָנדן אומגליקלעכן העלד,
אַ ראָמאַן פֿון אונזער ליבע מיט מײַן טרער איך שרײַב —
מיטן בלױען רעגן אױפֿן געלן פֿעלד.

*

איך באַהאַלט מײַן לאַנגן מעסער — די װיליע
אונטערן שװאַרצן װאַלד — מײַן אױסגעריבענע קאַפּאָטע;
כ׳װעל מיט אים באַלד רײַסן קריעה
נאָכן סאָד, װאָס קרענקט אױף דער סוכאָטע.

אָ, פלוימען־סאָד, מײַן װײַב, דו שטאַרבסט
אין דער פֿאַרלאָזטער בלױער געגנט — דעם שפּיטאָל,
שפּײַסט איצט מיט בלוט - מיט רױטן האַרבסט
און איך קלאָג — דער שטורעם איז מײַן קול!

מײַן ליד איז צום שפּיטאָל דער װײַטער װעג —
אױף אים האָב איך װײנענדיקע אָנגעטראָפֿן:
די שװאַרצע בײַקעלעך, די שעפּסן און די בעק,
װאָס בלאָנקען־אום פּאַריתומטע צװישן מײַנע גרינע סטראָפֿן.

עס האָט מײַן פֿרוי די גאַל שױן אױסגעכראַקעט...
הירזשעט אױפֿן טראַקט דער פֿערד, מײַן פֿעטער;
איך קלאַפּ מײַן קאָפּ אָן דאָרף — װוּ זי ליגט נאַקעט
און כ׳צעברעך פֿאַר צער די הײַזער — פֿון איר בעט די ברעטער.

צוקאָפּנס פֿון איר ברװנעם קערפּער דעם אַנטבלױזטן —
אױפֿן גרינעם דאַך פֿון מאָך האָט זיך אַ קעצעלע צעמיאַוקעט,
און אין די שפּײַקעסבלעך — די געלע רױסטן
די זשאַבע טרינקט איר בלוט און קװאַקעט.

ס׳פּליט אַװעק פֿון מײַן יללה — דעם געװיטער —
איר לעצטער, זיסער קרעכץ — די שװאַלב;
און מײַן מומע, די בהמה, ראָװעט ביטער
און ס׳יאָמערט מײַן פּלימעניצע — די ברױנע קאַלב.

ב.

איך האָב די לאַנגע טעג פון ספר צײַט אויף העלפט צעריסן
און די זון אַרומגעשמירט מיט נעכט—מיט שוואַרצע ראַמען;
אַז פון דער יתומהס פּטירה זאָלן מײַנע קרובים וויסן —
פּאַרטײַטש איך זיי דעם נעקראָלאָג מײַנעם—אין גראַמען
.

אַדורכגעוויקט איז פון מײַן טרער איעדער טאָג,
פון די וועלדער נעם איך אים אַרויס—פון הינטער מײַנע גרינע פּאָלעס;
און די נאַכט אויף אים—דעם גרויסן, שוואַרצן נעקראָלאָג
הענג איך אויף דער וועלט פּאַנאַנדער—איבער די סטאָדאָלעס:

— כ׳בין דערמיט מודיע אַלע קרובים פון מײַן צד,
אַז דער פלוימען־סאָד: האישה של א. וואָגלער דעם בראָדיאַגע מיטן בריטן נאָז
איז אויסגעגאַנגען יונגערהייט אין חודש תשרי שנת תרצ״ד —
פון דער חולאת טובערקולאָז.

— כ׳בעט מײַן פרײַנדין — די קוקאַווקעלע די ווירטואָזין —
וואָס האָט אויף אונזער חתונה געזונגען אויסנווייניק מײַנע לידער —
זי זאָל די יתומהלע מײַן פּדוי די טויטע ניט פאַרלאָזן
און זאָגן נאָך איר קדיש אין מײַן ווערק — דעם סידור.

— גיט מײַן אישה אָפּ איר לעצטן כּבוד !
בעלי־חיים, העלדן מײַנע — ס׳איז צו אײַך מײַן ביטע ;
אָ, טרייסט דעם יונגן אָבל, װעלכער דאַװעט
איבערן דאָרף — איר שװאַרצער מיטה.

— כ׳בעט קומען די סאָװעס — די תּהלים־זאָגער,
און מײַן שטיפּברודער — דער װאָלף, דער סיװער מאַרעװיכער,
זאָל הײַנט שלום װערן מיטן שעפּס—מײַן בידנעם שװאָגער —
כ׳װעל דערפאַר באַשרײַבן אים אין מײַנע ביכער.

א,

כ׳האָב אויסגעטאָן פון איר די קליידער, זײַדענע און פּלושענע —
די דאָזעווע טומאַנען, דורכגעווייקט מיט נעכט — בלויע פאַרפומען;
נאָר צו די וועלדלעך — די מאַרינאַרקעס מײַנע די צעקנייטשטע און צעריסענע —
איך שפּילע-צו די שטערן—אירע ווייטע בלומען.

הינטער די וועלדער — די קאָסטיומען מײַנע די געניצעוועטע,
(וואָס מײַן חברל דער ווינט האָט אויסגעפּרעסט מיר צו דער חופּה)
באַהאַלט איך די וואָלקנס—אירע שאַלן גרינע = פּיאָלעטע
און כ׳קוש די שטערן—רויזן—וואָס ברענען אויף מײַן שוואַרצער קליאַפּע.

איך מײַן קרומער, בלויער נאָדל — דער ווילענקע
צו איך דעם לאַוואַרעשעקער גאָס::ינעץ אַרײַן—מײַן ווײַסן פאָדעם;
אָן אײַנגעבויגענער, אָן אָפּגעריסענער איבער דער לאָנקע—
וועל איך פאַר מײַן אישה נייען נײַע בגדים...

דער פֿראָסט—דער אַלטער שנײַדער דער גענױטער
און זײַנע טעכטער – װעשנײטערינס—שנײען,
און זײַן זונדל דער זאַקראַשטשיק—דער געװיטער—
װעלן מיר העלפן פֿאַרן סאָד תּכריכים נײען.

כ'צינד אָן אַ שװאַרצע ליכט נאָך איר—דעם בין-השמשות
אין לײַכטער גאָלדענעם—אין האַרבסטיק לאַנד;
װען די בעק—מגידים—האַלטן נאָך איר דרשות —
פֿאַלט אַראָפּ די שקיעה—דער מקדש=רינגל פֿונעם בוים—איר האַנט.

ס'טראָגט דער װינט איר בלוט – דעם רױטן אָרון
און פֿונהינטן קלאָגן תּהלים=זאָגער — שװאַרצע סאָװעס,
און דער גרינער פּיק-האָלץ – דער בעל=תּשובה—פּיקט אין דאָרן:
— צ ד ק ה ת צ י ל מ מ ו ת .

ד.

צו דער מיטה איז דער וואָלף צוזאַמען מיט מײַן שוואָגערל דעם
שעפּס געגאַנגען

זיך געקראַצט, און מיט התנונים זיך געבעטן: מוחל זײַן ער זאָל אים;
ער שװערט אין תּפֿילין אָנגעטאָן—אין גרינע שלאַנגען,
אַז ער וויל ווערן מיט אים שלום.

ער שווערט בײַ שוואַרצע ליכט—די דעמבעס אויפֿן פֿעלד —
און בײַ די טאָלן — געלע פֿאַרמעטענע ריינקייטן —
אַז אים וואָלט זייער, זייער, זיך געוועלט
מיט אים, דעם שעפּס דעם אָרעמען, זיך בײַטן...

...עס האָט דער וואָלף דעם שעפּס געקושט,
אים געגעבן תקיעת־כּף אַ גרויע לאַפּע:—
ער ענטפֿערט אים פֿאַר זײַן פֿאַרלוסט...
אַן עדות איז די אָרנטלעכע שקאַפּע.

אַן עדות איז זײַן בלאָנדער שטיפֿברודער דער קליינער—
וואָגלער—וואָס האָט די־אָ טרויער־ליד אַליין געשריבן,
און נאָכן פֿלוימען־סאָד זײַן יונגער ווײַב דער שיינער—
אַ בידנער אָבל איז ער איצט פֿאַרבליבן.

עס וויינט דער שעפּס—אַן אות אַ וויטער
איז זײַן יעדע טרער אויף דר׳ערד וואָס רינט;
צו זײַנע טויטע קינדערלעך, צו זייער מוטער—
שרײַבט ער אויפן שוואַרצן שליאַך אַ בריוו אַצינד.

און דער באָק—דער קורצזיכטיקער אַלטער גאָון—
האָט צוגעשאָקלט מיט דער געלער באָרד,
און אויף דער פעל פון וואָלף דעם גרויען
מיט די הערנער אויסגעקריצט—זײַן יעדן וואָרט.

ה.

און איך האָב אַ כמאַרע אָנגעטאָן — אַ שוואַרצן שאַל—
אויף מײַן דאַרן גוף דעם לאָמען,
ווען דער וואָלף געזאָגט האָט:—יתגדל,
און דער באָק געענטפערט האָט אים:—אָמן.

און ווען דער פאַרקילטער קאַנאַריקל דער קראַנקער
האָט אל־מלא־רחמים געזאָגט אין גראַמען,
האָט געמינטערט דער בוטשאַן—דער ווײַסער קאַוואַלער דער שלאַנקער
די חלשותדיקע זשאַבעס — זײַנע דאַמען.

פון שווערער פּראַצע נעבעכינקעס אַ פאַרהאָרעוועטער,
אַ צעשלאָגענער פון באַלעבאָס זײַנעם—דעם באַלעגאָלע,
איז דער פערד—מײַן הינקעדיקער און קאַסאָקער פעטער—
אַוועק זיך שבעה זעצן אויף דער סעטשקע אין סטאָדאָלע.

I.

און איך בין פון זינען אַראָפּ פאַר גריזאָטע,
ווען כ'האָב גאָכן סאָד געריסן קריעה;
אין שוואַרצן וואַלד—מײַן אויסגעריבענע קאַפּאָטע,
מיט מײַן לאַנגן מעסער - די ווילִיע.

מײַן ייִנגסטע געלע שוועסטערל—די פיקסיכע די קלוגע—
האָט אין דער ערד — אונטערן שוואַרצן סטיל פון מעסער מײַנעם, זיך
פון מיר באַהאַלטן;
כ'בין די מעצעלעצע וואָס איז משוגע
אין בלויען געגנט—דעם שפּיטאָל דעם קאַלטן.

כ'האָב פון די שטעטעלעך די אַלטע דעכעלעך אַראָפּגעריסן —
דעם שטרוי פון די טאַפּטשאַנען, ווו געשלאָפן איז מײַן ווײַב;
און די וואַנצן — די סאַדאָווניקעס, וואָס האָבן זי ביז בלוט צעביסן—
אין די נאָרעס, אין די קעלערס, איך פאַרטרײַב!

איבער זיי זאַוויִעס—מײַנע צווײַגער קריצן,
און מיטן ניעמאַן — מיט מײַן בלויען דלאָט —
אַ מצבה אין די בערג כ׳נעם קריצן
נאָך מײַן ווײַב — דעם פלוימען־סאָד.

אויף די אָזיערעס — פון שפּיטאָל דעם בלוי־געגלאָזטן גאַנעק,
ליגט איצט אַן אויסגעריסענע מײַן ווײַסע גרידע...
און אויף אַ בענקעלע — אַ קליינינקן זאַסטיאַנעק —
נאָך מײַן ווײַב האָב איך געזעצט זיך שבעה.

ז.

מײַנע רײַכע מומעס — די בהמות
קומען מיך מנחם־אָבל זײַן;
אין קרוג — מײַן הײמלאַנד, װאָס פון לײם איז —
זײ גיסן זײער מילך פאַר מיר אַרײַן...

דער װאָלף זאָגט נאָך מײַן אִשה קדיש,
מעריב דאַװנען שעפסן פרומע;
... דעם שנײ פון לאַנד — די מילך פון לאַדעש —
איך װעל ניט טרינקען, ליבע מומע!...

בײַם יאָרצײַט־ליכט—בײַ דער לבנה—
זאָג איך תהלים, פון מײַן צער ברענען די אותיות מײַנע—שטערן ראָזע;
און די אָרעמע שמשימלעך—דער שפּאַרבער, די װאָראָנע,
זאָגן מיר די פּסוקים נאָך, זיך שאָקלענדיק אױף אַ בעריאָזע.

ח.

למנצח — צום פּאַצוק דעם שוואַרצן קיסר,
אים לאַשטשענען זײַנע פּרינצעסינס - מײַז;
דער שײַער איז זײַן פּאַלאַץ דער גרויסער
און זײַנע באַדינער זײַנען פליי און לײַז.

די באַדינער טוען אים קראַצן און וואַשן
און ס׳וואַרעמט אים זײַן ווײַב, די בלאָנדע קייסערינע;
ער האָט תּבֿואה אָנגעגרייט זאַפּאַסן,
און דאָס פעלד — איז זײַן מדינה.

זײַן קאַבינעט — איז דער טיפער קעלער,
דער ווייכער זאַמד — זײַן גאָלדנער טראָן;
צווישן די גראָבע קראָטן — זײַנע גענערעלער —
זיצט ער דאָרטן אויבן־אָן.

ס׳זײַנען די גרינע ווערים — זײַנע אָפיצערן,
און די ברוינע מוראַשקעס — זײַנע סאָלדאַטן;
נאָר די זשוקעס — די רעוואָלוציאָנערן,
ליגן פאַרשפּאַרט הינטער די שטיינער - גראַטן.

ט.

אַשרי האיש — אַזוי וווּיל איז דעם האָן דעם לאַבאַטן
אין פּינצטערן קאַטוך אינדערוואַרעם;
ער האָט אַ הינדעלע — אַ טרייַע פֿרוי, אַ זאַטע
און ליובאָווניצעס אַ גאַנצן האַרעם.

— ווייַל אַ גוטער קאַוואַלער זייַן קאָן ער —
זאָגט די ראַבע גאָלאָשייקעלע — זייַן קורטיזאַנע
צום ברוינעם קראָליק און צום בעזדיעטניקל דעם גאָנער,
וועלכע זייַנען אים, דעם האָן, מקנא.

דער בידנער אַלמנדל — דער קראָליק — זאָגט אים אויפֿן אויער:
— אַז צו פֿרויען און קינדער מזל האָט ער;
זייַנע שיינע ליובאָווניצעס זיצן אויף די אייער —
און ער ווערט ווידער באַלד אַ פֿאָטער!

די קורטשוקעס — זייַנע קליינע זינדעלעך —
וואַקסן אויס און ווערן מענטשן . . .
און זייַנע טעכטער — די קורטשענטעס, הינדעלעך
טוען זיך מיט זייער פֿאָטער בענטשן.

אוּן מײַן יאָרצײַט־ליכט — די לבנה די געלע,
האָט זיך שלאָפן געלײגט מיט מײַן חבר דעם ווינט;
איבער מײַן גרויען שטענדערל — דער יעדנאָ סעליע,
קלאָג איך נאָך מײַן ווײַב און קינד!

אין די שטעט — די הייליקע בתי־מקדשים —
גייט אַ גרינער רויך פון יעדן קוימען:
דאָס פרעגלט מען דעם רויטן עפּעלע — דעם יתום
און זײַנע קליינע שוועסטערלעך — די בלאָע פלוימען.

אין די רעסטאָראַנען — די גין־גאָלדענע מזבחות —
גיסט זיך דאָס בלוט פון די יתומימלעך — דער ווײַן פון פעסער;
און ס'קלאָגן די נשמות זייערע — די זיסע ריחות:
— אָ, כּ ו ה נ י ם — מ ע נ ט ש ן — פ ר ע ס ע ר!

כ.

א ריפֿן לאַנדשאַפֿט פֿון פֿיאָלעט און ראָז,
מיט מײַן געוויין — דער אָדליגע דער בלײַער,
און מיט מײַן פֿעדער — מיטן שוואַרצן יאָזש —
האָב איך געשריבן דעם־אָ בוך פֿון טרויער.

אויף מײַנע נאַכטלעגערס — די ווײַסע דויסטן,
וווּ כ׳בין מיט וועלף בײַנאַנד געשלאָפֿן,
האָבן די צוקאָפּנס — מײַנע קליינע פֿויסטן —
אויסגעקריצט די שוואַרצע סטראָפֿן.

איצטער ליִיענט זײ און זינגט דער ווינט:
— אויף דער וועלט — דעם עלנטן בית־עלמין,
אָן אַ ווײַב און אָן אַ קינד —
וואַלגערט זיך דער בלודנער אַלמן.

דער שניי איז פֿון מײַן בוך אַן אויסגעריסן בלאַט...
אויף אים האָב איך, דער סומנער גײער,
מיט מײַנע טריט פֿאַרצייכנט, אַז נע־ונד
איז וואָגלער אלחנן בן מאיר.

דערקלערונג פון די ווילנער לאָקאַליזמען,
וואָס קומען אַרײַן אין דער פּאָעמע.

ז׳ 9 : פּאַס־עקעס — אויסגעהאַקטער וואַלד, וואָס דינט פאַר אַ פּאַשע־אָרט

ז׳ 10 : יאַלאָווע קו — אַ קו, וואָס קעלבט זיך ניט און גיט פּעטע מילך

קרענעצעס — קוואַלן

לאָשעקלעך — פערדעלעך

פלימעניצע — ברודער־טאָכטער, שוועסטער־טאָכטער

ז׳ 11 : לאָקטשען — טרינקען

ז׳ 12 : לופּעס — ליפּן

ז׳ 13 : סערע — שאַרע (גרויע), אַ מין עפּל

ז׳ 14 : אַסוויר — ברונעם־שטעקן

ז׳ 17 : וויוועסקע — שילד

ז׳ 18 : אָסטראָגן — תּפֿיסות

ז׳ 19 : טעלעצעס — קעלבער

מעצעלעצעס — שטורעמס

ז׳ 20 : סטראַמירן — שטראָפן, מוסרן

ריסעוועט — צייכנט

ז׳ 23 : סיוון — גרויען

ז׳ 26 : אוכאזשאַר—פּאַרערער

פּאָדלע—געמיינע

געוועלט—געוואָלט

ז׳ 29 : קראַסאַוויצע—שיינער יונג

משרזאַוויצע—אויסוווּרף

מושטשינען—מאַנסבילן

ז׳ 30 : קאַוויאַרן—טעפּיכער

ז׳ 32 : שילויע—הולטאַי

ז׳ 33 : לאַבאַטע - באַוואַקסענע

וויטשעס—ריטלעך

פּאַכאַזשע—ענלעך

ז׳ 34 : פּראָמאַך—פעלער, עוולה

ז׳ 38 : קאַפּעליע—אָרקעסטער

ז׳ 45 : בײַקעלעך—ביקלעך, יונגע אָקסן

רויסטן—זומפּן

ראָוועס—רעוועס

ז׳ 47 : מאַרצעוויכערס—שווינדלער

ז׳ 48 : ווילענקע—טײַכל, וואָס שטראָמט אַרײַן אין דער ווייליע

לאַוואַרעשעקער גאַסציניעץ—שליאַך הינטער ווילנע, וואָס פירט צום שטעטעלע לאַוואַרעשאָק, דעם געבורטס-אָרט פון דיכטערס פאָטער

ז׳ 49 : זאַקראַישטשיק—צושנײַדער

ז׳ 50 : רײַניקײַטן—ספר-תורות

ז׳ 52 : קאַסאָקער—שיקלדיקער

ז׳ 53 : סאַדאָווניקעס—סאָד־הענדלער
ז׳ 54 : זאַסטיאַנעק—קליינער דאָרף־ישוב
ז׳ 55 : לאַרעש—ליימענער קריגל
ז׳ 56 : פּאַצוק—שטשור
ז׳ 57 : קאַטוך—דער הינטערן־אויוון, ווו מ׳האַלט הינער
ליובאָוויצעס—געליבטע
גאַלאָשייקעלע—מין הון
קורטשוקעס—קורטשאַקעס, יונגע הענדעלעך
קורטשענטעס—הינדעלעך
ז׳ 58 : יעדנאָסעליע—איינזאַמע כאַטע אין פעלד
ז׳ 59 : אָדליגע—נאַסער וועטער, ווען ס׳פּאַלט דער פראָסט
בלודנער—עלנטער
סומנער—אומעטיקער